בס"ד

# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

370 | פרשת תרומה | תשפ"א

## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### אויסשפרייטן די הענט אויף ארויף - וויסן פארוועמען מ'בענטשט

"וְהָיוּ הַכְּרֻבִים פֹּרְשֵׂי כְנָפַיִם לְמַעְלָה" (כה כ)

די חכמים זאגן (ברכות מח א): "קטן היודע למי מברכין - מזמנין עליו", ד.מ. אז מ'קען אים מצרף זיין אלס דריטער אויף זימון ביי ברכת המזון. אלס א ביישפיל אויף א "קטן היודע למי מברכין" ברענגט די גמרא אביי און רבא, וואס קליינערהייט האט זיי רבה געפרעגט: "פארוועמען בענטשט מען?" האבן זיי געענטפערט: "פאר הקדוש ברוך הוא", ווען זיי ווייזן מיט זייער פינגער אויף ארויף. האט רבה רעאגירט: איך בין פארזיכערט אז זיי צוויי וועלן אויסוואקסן תלמידי חכמים.

דער 'בית ישראל' פון גור האט געטראפן א רמז אויף די מעשה פון אונזער פסוק:

די כרובים וואס זענען געווען אויפן ארון וואו דארט זענען געווען די לוחות, האבן געהאט א געשטאלט פון א קליין קינד, און זייערע הענט זענען געווען אויסגעשפרייט אויף ארויף (סוכה ה ב). פון דא זען מיר אז א קינד וואס שפרייט אויס זיינע הענט אויף ארויף - ד.מ. ער ווייסט פאר וועמען מ'בענטשט, וועט זוכה זיין צו וואקסן און שטייגן אין תורה.

'בית ישראל' תשי"ט

### פארדעקן דעם שולחן מיט די ברכות זה"ב

"וְעָשִׂיתָ שֻׁלְחָן עֲצֵי שִׁטִּים...; וְצִפִּיתָ אֹתוֹ זָהָב טָהוֹר" (כה כג-כד)

זאגט דער **רבנו בחיי**:

דער פסוק איז אונז מרמז אז דער שולחן אויף וואס מיר עסן יעדן טאג דארף מען פארדעקן מיט 'זהב', ד.מ.: מיט ברכת המזון וואס דער ווארט 'זהב' איז מרמז אויף די ערשטע דריי ברכות וואס מ'איז מחוייב מן התורה - די ברכה 'הזן', די ברכה 'הארץ' און די ברכה 'בונה ירושלים'.

**רבי משה** מאט א תלמיד פון מהרש"ל לייגט צו, אז אין די ווארט 'זהב' איז דא נאך א רמז אויף ברכת המזון; 'זהב' איז בגימטריה פערצן - וואס דאס איז דער צאל פון וויפיל מאל מ'בענטשט ברכת המזון אין לויף פון די זיבן טעג וואס איז דא אין איין וואך, יעדן טאג אינדערפריה און ביינאכט.

### די תרומה פון 'אמן' אויפן בויען די משכן

"וְיִקְחוּ לִי תְּרוּמָה" (כה ב)

"'לי' - לשמי" (רש"י).

אין ספר 'דרך משה' (ליום יא) ברענגט ער א מעשה פון א חסיד וואס האט געוואלט וויסן פארוואס פארזוימט זיך די גאולה, און נאכן פאסטן האט מען אים געענטפערט פון הימל: "וויאזוי זאל קומען די גאולה ווען דער וועלט געבט נישט אכטונג ענטפערן אמן אויף די ברכות וואס אין זיי בעט מען אויף די גאולה - 'המחזיר שכינתו לציון' און 'הפורש סוכת שלום'..."

און מ'קען זאגן אז אין רש"י'ס ווערטער איז מרומז דער ענין: וואס איז די תרומה וואס מ'קען געבן אויף די אויפבוי פון די משכן? "לשמי" מקפיד זיין ענטפערן 'אמן' ביי די ברכות פון די גאולה, וואס אין דעם דערמאנען מיר די שם הוי"ה בשלימות, אזוי ווי עס ווערט געשריבן און וויאזוי עס ווערט געזאגט [א-דני].

'מכתם לדוד' [פון רד"י קריסטאל] ח"א עמ' שג

דאס אכטונג געבן אויף ברכת המזון ברענגט א געוואלדיגע שפע פון ברכה פארן מענטש, און אזוי ווי דער בעל ספר החינוך שרייבט (מצווה תל): "שכל הזהיר בברכת המזון מזונותיו מצויין לו בכבוד כל ימיו".

א רמז אויף דעם ברענגט רבי משה מאט פון אונזער פסוק: "וְצִפִּיתָ אֹתוֹ - זָהָב"; אויב ווילסטו פארדעקן זיין פארמעגן און עס אפהיטן, אזוי ווי די דעק וואס היט אפ די זאך וואס איז פארדעקט, געב אכטונג אויף ברכת המזון וואס די ווארט 'זהב' איז אויף דעם מרמז.

'רבינו בחיי'; 'מטה משה סי' תקנא

### א עצה וויאזוי ניצול ווערן פונעם יצר הרע

"וְאֶת הַמִּשְׁכָּן תַּעֲשֶׂה עֶשֶׂר יְרִיעֹת שֵׁשׁ מָשְׁזָר" (כו א)

אין זיין הקדמה אויפן ספר החינוך רעכנט אויס דער מחבר זעקס מצוות וואס זענען אנגעהאנגען אין הארץ וואס דאס קען יעדער מענטש שטענדיג מקיים זיין יעדע מינוט פון זיין לעבן, דעריבער קען מען נישט רעכענען זייער שכר, און זיי זענען: א. אמונת ה', ב. נישט גלייבן אין די עבודה זרה, ג. יחוד ה', ד. אהבת ה', ה. יראת ה', ו. נישט נאכגיין די מחשבות פון די הארץ און וואס די אויגן זען.

לייגט צו **רבי משה גרינוואלד** פון חוסט:

דער וואס געבט אכטונג צו טראכטן שטענדיג פון די זעקס מצוות, איז זוכה געוועלטיגן אויף זיין יצר און אויף די ריינקייט פון זיינע מחשבות. א רמז אויף דעם קען מען לערנען פון דער פסוק: "שֵׁשׁ מָשְׁזָר" - דורך מקיים זיין די זעקס מצוות, 'מש' וועט זיך אפטון דער יצר הרע וואס ווערט אנגערופן 'זָר'. און ווייל די כהנים האבן געדארפט אכטונג געבן אויף די ריינקייט פון זייערע מחשבות בשעת די עבודה אין משכן, ווערט דער רמז דערמאנט ביי די בגדי כהונה.

'ערוגת הבושם'

### דער פלאץ פון די בימה אין שוהל

"וְשַׂמְתָּ אֶת הַשֻּׁלְחָן מִחוּץ לַפָּרֹכֶת וְאֶת הַמְּנֹרָה נֹכַח הַשֻּׁלְחָן" (כו לה)

"שלחן בצפון, משוך מן הכתל הצפוני שתי אמות ומחצה. ומנורה בדרום, משוכה מן הכותל הדרומי שתי אמות ומחצה. ומזבח הזהב נתון כנגד אויר שבין שלחן למנורה..." (רש"י, ע"פ יומא לג ב)

איינס פון די באקאנטע קריגערייען וואס איז געווען צווישן די מתחדשים און די ערליכע אידן אין אנהויב די צייטן פון די משכילים, איז געווען איבער דער פלאץ פון די בימה אין שוהל. דער 'חתם סופר' איז ארויס מיט א שטארקייט אקעגן די אלע וואס האבן זיך געוואגט טוישן און איר אריבער פירן נעבן די מזרח וואנט, אזוי ווי די גוים פירן זיך, און האט אויך געברענגט א שטארקע ראיה אקעגן זיי פון דעם וואס די חכמים זאגן אז דער מזבח הזהב איז געשטאנען אינמיטן היכל, אין די פלאץ וואס איז אינצווישן די שולחן און די מנורה. און די בימה איז דאך אקעגן די מזבח, ווייל אויף דעם לייענט מען דאך די פרשיות פון די קרבנות און די קטורת, און מ'רינגלט איר ארום יו"ט סוכות אזוי ווי די הקפות וואס מ'האט געטוהן ארום די מזבח. דעריבער אזוי ווי מ'האט נישט אוועק געשטעלט די מזבח נאנט צו די ארון, אזוי זאל מען אויך נישט אוועקשטעלן די בימה אין שוהל פארנט נאנט צו די ארון הקודש.

שו"ת חתם סופר או"ח כח

## וכידוע נתפשט המנהג בכרכים ועיירות גדולות

"קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ הַיְּהוּדִים עֲלֵיהֶם וְעַל זַרְעָם וְעַל כָּל הַנִּלְוִים עֲלֵיהֶם וְלֹא יַעֲבוֹר" (אסתר ט כז)

דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט געפאלט אויס די יומא דהילולא פון איינער פון גרויסע פוסקים אין די פריערדיגע דורות מרן החיד"א זי"ע, וואס זאגט עדות אין זיין ספר 'ברכי יוסף' (או"ח סי' תרעז) איבער די גרויס פארשפרייטונג וואס איז געווען אין זיינע צייטן אויף דער מנהג פון זאגן ברכת השחר פאר איינעם וואס וועט ענטפערן אויף זיי אמן, און אזוי שרייבט ער:

**"מרן הבית יוסף שרייבט: עס זענען דא וואס פירן זיך אז נאך וואס איינער זאגט די ברכות השחר און מ'ענטפערט אויף אים אמן, זאגט א אנדערער פון זיי איבער די ברכות און די איבריגע ענטפערן נאך אים אמן, אזוי טון אלע וואס האבן געענטפערט אמן... און ווי באקאנט איז דער מנהג פארשפרייט געווארן אין די גרויסע שטעט אזוי ווי דער בית יוסף שרייבט"**

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (ה)

### היום ובכל יום

אין די פארזעצונג פון די 'יהי רצון' בעטן מיר: "ותתנו היום ובכל יום לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו". מיר באגענוגן זיך נישט צו בעטן נאר אויף דעם טאג, נאר מיר לייגן צו און זאגן ארויס "היום ובכל יום", לויט וואס עס שטייט אין זוהר הקדוש (וישלח קסט א) אז א מענטש דארף קלאר ארויסזאגן זיין בקשה ווען ער דאוונט צום באשעפער (סידור 'תפלה למשה').

אבער מ'דארף פארשטיין, מיר זאגן דאך די ברכה יעדן טאג, אויב אזוי, פארוואס פעלט אויס צו בעטן יעדן אינדערפריה אויף די קומענדיגע טעג?

נאר, מיר זאלן זוכה זיין אז הקב"ה זאל אננעמען אנזער געבעט, איז אמאל נישט גענוג מיר זאלן בעטן אויף דעם נאר איין מאל (זעה 'מדרש שמואל' פ"ד), וועגן דעם דאווענען מיר אויף דעם יעדן טאג פון אונזער לעבן, כדי אז די תפילה פון דער טאג זאל זיך מצרף זיין צו די תפילות פון די אנדערע טעג און מיט די כח פון אלע תפילות זאל השי"ת צוהערן אונזער געבעט און אונז געבן "לחן ולחסד ולרחמים..." (קונ' 'ולאשר אמר' [פון רא"א כ"ץ נד' בסוף ספר 'אוצר השבת'] אות טז).

### מקדים זיין די ישועה פאר דאווענען

אויף נאך א וועג איז דא וואס ערקלערן די שטענדיגע בקשה געבויעט אויף די טייטש פון דער רבי ר' יהונתן אייבשיץ אז זרש 'אשת מרשיע' האט געגעבן א עצה פאר המן אז די בקשה צו הענגען מרדכי'ן זאל ער בעטן פון אחשורוש דווקא אינדערפריה, אזוי ווי עס שטייט (אסתר ה יד): "ובבוקר אמור למלך ויתלו את מרדכי עליו", ווייל זי האט מורא געהאט טאמער וועט מרדכי אניאגן ליינען קריאת שמע און מסמיך זיין די ברכה 'גאל ישראל' צו שמונה עשרה באלד ביי די נץ החמה, און אזוי וועט ער אים נישט קענען שעדיגן. אזוי ווי עס שטייט אין גמרא (ברכות ט ב) "כל הסומך גאולה לתפילה [ביי די צייט פון די נץ החמה (תוספות שם ד"ה כל)] אינו ניזוק כל היום כולו", דעריבער האט זי גע'עצה'עט פאר המן ער זאל זיך צואיילן און קומען צום קעניג נאך בעפאר מרדכי וועט אניאגן דאווענען ('יערות דבש' ח"א דרוש יז).

אקעגן די מזיקים וואס ווילן אונז שעדיגן דעם מארגנדיגן טאג נאך בעפאר מיר וועלן אניאגן דאווענען די תפילה, בעטן מיר יעדן אינדערפריה: "ותננו היום ובכל יום..." ('אורה זו תורה', מגילת אסתר עמ' רלח).

### די ערקלערונג פון חן, חסד און רחמים

די ווערטער 'חן', 'חסד' און 'רחמים' - זענען בפשטות איין יסוד, ווייל דער וואס געפונט חן ביי אנדערע, האבן זיי געפילן פון רחמנות אויף אים און זיי טון מיט אים א חסד. און מיר טרעפן טאקע אזוי אז די 'חן' ווערט פארטייטשט אויף 'רחמים' (תרגום אונקלוס בראשית ו ח און אין נאך פלעצער) און אויף 'חסד' (תרגום משלי א ט).

אבער עס זענען דא וואס ערקלערן אז יעדע אויסדרוק האט א עקסטערע באדייט: 'חן' מיינט אז דער וואס מקבל ווערט גערעכנט אין די אויגן פונעם נותן אלץ איינער וואס איז ראוי מצד זיינע מעשים מ'זאל אים גוט'ס טון, אזוי ווי עס שטייט (בראשית ו ח): "וְנֹחַ מָצָא חֵן בְּעֵינֵי ה'", און דער רמב"ן ערקלערט (שם): "אז אלע זיינע מעשים פארן אייבערשטן זענען געווען שיין און אנגענעם"; 'חסד' באדייט אז דער וואס געבט טוט גוט'ס מיטן מקבל ווייל ער וויל גוט'ס טון און נאכקוקן צי דער מקבל איז ראוי מ'זאל מיט אים גוט'ס טון; 'רחמים' איז טייטש אז דער מקבל איז ראוי מ'זאל מיט אים גוט'ס טון, אבער דער נותן טוט מיט אים גוט'ס אסאך מער פון וואס עס קומט זיך אים (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' קמד).

רבי יוסף ענגיל ערקלערט אז ביי די בקשה: "ותתנו לחן ולחסד", בעטן מיר נישט מיר זאלן זוכה זיין אין די זעלבע צייט אויף די צוויי זאכן, ווייל דער מהרי"ל שרייבט דאך (הלכות פורים אות יח): "קיינמאל האט זיך נישט געטראפן א מענטש וואס האט געהאט אין זיך 'חן' און 'חסד' נאר אסתר" אזוי ווי עס שטייט (אסתר ב יז): "ותשא חן וחסד לפניו". נאר מיר בעטן אז ווען מיר וועלן דארפן צוקומען צו 'חן' זאלן מיר זוכה זיין צו חן, און ווען מיר וועלן דארפן צוקומען צו 'חסד' וועלן מיר זוכה זיין צו דעם ('גליוני הש"ס' ברכות ס ב ד"ה ותתנני).

### פארוואס בעט מען עקסטער 'ובעיני כל רואינו'

דער לשון הברכה 'בעיניך ובעיני כל רואינו' איז געבויעט אויפן פסוק (משלי ג ד): "ומצא חן ושכל טוב בעיני אלקים ואדם". און אזוי זאגן חז"ל (תנחומא וישב ח) ווען יוסף הצדיק איז געווען ביי פוטיפר'ס הויז, "ווען ער איז אריין אים באדינען האט ער געזאגט פאר זיך שטיל: ריבון העולם, אויף דיר טוה איך זיך פארלאזן, דו ביזסט מיין פארזארגער, תנני לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואי ובעיני פוטיפר אדוני" ('פירוש התפלות והברכות [לר"י בן יקר] ח"ב עמ' טו).

אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס דארפן מיר גלוסטן צו געפעלן און האבן חן וחסד ורחמים אין די אויגן פון מענטשן?

אין 'סידור השל"ה' ערקלערט ער אז די ווערטער "ובעיני כל רואינו" זענען נישט געצילט נאר אויף מענטשן, נאר אויף די גאנצע בריאה, אויך די רוחניות'דיגע באשעפענישן. און מיר בעטן מיר זאלן טרעפן חן אין זייערע אויגן זיי זאלן נישט מקטרג זיין אין הימל אויף אונז.

אין ספר 'עולת תמיד' (פרק ט) שטייט אז מיר דארפן טאקע נישט טון פעולות כדי צו טרעפן חן אין די אויגן פון אנדערע, ווייל דער אייבערשטער פירט דאך די גאנצע וועלט, און די אויפפירונג פון די מענטשן ארום אים איז אויך פון הימל, אזוי ווי עס שטייט אין ספר 'חובת הלבבות' (שער הבטחון פרק ג): "יעדע גוטהארציגקייט און רחמנות וואס אנדערע האבן צו אים, אלעס קומט פון השי"ת'ס רחמנות און גוטהארציגקייט". אבער כדי איינווארצלען אין אונז דער יסוד, בעטן מיר פון ה' יתברך ער זאל אונז געבן "לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואינו", ווייל מיט דעם ווייזן מיר אונזער אמונה אז דאס געפונען חן וחסד אין די אויגן פון מענטשן און יעדע גוט'ס וואס וועט צו אונז קומען דורך מענטשן, אלעס קומט פון השם יתברך אליינס.

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין טייטש, מיר בעטן נישט מיר זאלן טרעפן חן אין די אויגן פון מענטשן כדי זיי זאלן מיט אונז גוט'ס טון, נאר דאס איז די ריכטיגע וועג אין עבודת השי"ת צו זיין באווילגט פאר השי"ת און גוט צו מענטשן אזוי ווי דער פסוק זאגט אויף שמואל הנביא (שמואל א' ב כו): "והנער שמואל הולך וגדל וטוב גם עם ה' וגם עם אנשים", דעריבער בעטן מיר מיר זאלן זוכה זיין טרעפן חן און אונזער אויפפירונג זאל זיין באווילגט אויך אין די אויגן פון ה' און אויך אין די אויגן פון אלע וואס זען אונז ('אור יחזקאל' מכתבים רח. וראה 'פירוש התפילות והברכות' שם).

**ותתננו היום ובכל יום לחן** - אונזערע מעשים זאלן זיין אנגענומען און מיר זאלן זוכה זיין צו א חן צוליב דעם, און מיר זאלן אויך זוכה זיין צו **ולחסד ורחמים** - צו א גוטהארציגקייט און דערבארעמונג **בעיניך** און אויך **בעיני כל רואינו**

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## אין זכות פון די אינפעקציע

הרב יהודה ג. איז א עלטערער און א געלערנטער מוהל, אזא איינער וואס האט שוין אלעס בייגעוואוינט אין זיין ארבעט... אין די סאך יארן וואס ער דינט אלץ מוהל פאר ניי געבוירענע קינדער און אויך פאר דערוואקסענע, האט ער אוודאי שוין אנגעיאגט זיך צו באגעגענען מיט יעדע סארט שוועריקייט, און מיט סיעתא דשמיא זיך געקענט מיט דעם פארמעסטן מיט הצלחה.

פון דעסוועגן ווייסט הרב ג. אז אן סיעתא דשמיא איז יעדע זאך אוממעגליך, דעריבער בעפאר ער גייט צו א ברית בעט ער פון אייבערשטן א ווארימע תפילה עס זאל חלילה נישט ארויסקומען א תקלה פון אונטער זיינע הענט.

אין די אוצרות פון רבי יהודה ליגט אוועקגעלייגט א וואונדערליכער ערציילונג וואס קען גוט ערקלערן זיין הנהגה, און פון מאל צו מאל דערציילט ער עס אין פארשידענע געלעגנהייטן:

"פאר עטליכע יאר בין איך איינגעלאדנט געווארן צו זיין א שבת אין א ווייטע ישוב, כדי צו זיין דער מוהל ביי א ברית פון א ניי געבוירן קינד, א קינד פון א פרייע פאמיליע וואס איז געבוירן געווארן שבת, און צוליב דעם האט די ברית געדארפט פארקומען דעם קומענדיגן שבת קודש. דאס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס איך בין איינגעלאדנט געווארן צו אזא געשעהעניש, דערנאך וואס מיט די יארן האב איך זיך איינגעוואוינט זיך אינגאנצן אוועקגעבן לכבוד די גרויסע מצוה.

פון דעסוועגן, זיך אויפהאלטן אין א פרעמד פלאץ, איז קיינמאל נישט גרינג געווען. איך האב געדארפט זיך ארגאניזירן צוזאמען מיט מיין בני בית צו זיין א גאנצע שבת אין א פרעמדע און ווייטע פלאץ, אין דעם איז געווען א געוויסע בחינה פון 'מסירות נפש'.

מיטוואך פארן ברית בין איך ספעציעל געפארן צו דעם ווייטן ישוב איבערקוקן דאס קינד. געלויבט דעם אייבערשטן, אלעס איז געווען אין ארדענונג.

בעפאר איך האב זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג, אזוי ווי מיין שטייגער איז, האב איך געדאוונט עס זאל נישט ארויסקומען א שטרויכל דורך מיר, איך האב געפילט אז דאס מאל איז די תפילה ספעציעל וויכטיג, עס האנדלט זיך דאך פון זיך אויפהאלטן מער פון א טאג אין א פלאץ וואס איז פרעמד צו מיין גייסט.

ערב שבת בין איך אנגעקומען אין די ישוב וואו איך בין אויפגענומען געווארן מיט גרויס כבוד. נאכן ענדיגן מיינע הכנות אויף שבת בין איך נאכאמאל אנגעקומען צו די הויז פון דאס קינד כדי זיכער צו מאכן אז מארגן נאך שחרית וועט מען קענען מאכן די ברית. אבער דעמאלטס האב איך באמערקט וואו עס הייבט זיך אן אנטוויקלען א שטארקע רויטקייט אין איין אויג.

איך האב פרובירט צו טון א געוויסע באקאנטע עצה וואס מ'טוט געווענליך ביי אזא פאל, אבער עס איז נישט אריבער א מינוט אין די אויג איז פול געווארן מיט אייטער. אויך נאכן רייניגן דאס אויג צום צווייטן מאל, איז עס צוריק געקומען און פארדעקט די שווארץ אפל.

איך בין איבערראשט געווארן פון די שטארקייט פון די אינפעקציע, און לויט די הלכה בין איך געצווינגען געווען מיט גרויס ווייטאג מעלדן פאר די עלטערן אז מארגן וועל איך נישט קענען אפרעכטן די ברית. אזוי איז די הלכה, און איך קען זיך נישט אוועקרירן פון דעם אפילו א האר.

דער פאטער וואס איז שאקירט געווארן פון די איבערראשנדע מעלדונג האט אנגעהויבן זיך רעגן און בייזערן; לכבוד די שמחה זענען געקומען צו די ישוב אסאך געסט, און מ'האט אריינגעלייגט אסאך געלט צו דינגען א זאל און א טייערע קייטערינג פאר די הונדערט געסט, עס קען זיין אז אלעס וועט גיין אין מיסט?!

אבער גארנישט האט נישט געקענט טוישן מיין באשלוס; איך האב געזאגט פארן פאטער מיט א איינגענעמע שטימע אבער זייער א קלארע אז עס איז אינגאנצן נישט פארהאן א מעגליכקייט צו מאכן די ברית לויטן יעצטיגן צושטאנד. ער דארף וויסן אז אלעס פירט זיך פון הימל, און וועגן דעם זאל ער אננעמען מיט פארשטאנד דעם אומגעראכטענעם מצב.

איך וועל נישט זאגן קיין ליגנט אז איך בין איבערראשט געווארן פון די שטארקע ווידערשטאנד פונעם פאטער. דאס איז נישט געווען דאס ערשטע מאל וואס איך בין געצווינגען געווען איבערגעבן אזא סארט מעלדונג פאר עלטערן פון א קינד, אבער קיינמאל האב איך נישט באגעגנט אזא שטארקע ווידערשטאנד. פון דעסוועגן האב איך געהאפט אז ביז מארגן אינדערפריה וועט דער פאטער זיך בארואיגן.

שבת אינדערפריה, נאכן דאווענען שחרית האט זיך די שול אנגעפולט מיט אסאך מענטשן. פון די עק פון מיין אויג האב איך באמערקט ווי איינער פון די משפחה ערקלערט פארלוירענערהייט פאר די אנוועזנדע אז עס קען זיין אז די ברית וועט נישט פארקומען ווי געראכטן, און זייער שנעל איז די נייעס פארשפרייט געווארן צווישן די פארזאמלטע.

פאר אלעמען איז שווער געווען אראפשלינגען די איבערראשנדע טויש און אסאך האבן פרובירט אנטראגן פארשידענע געדאנקען צו קענען לעזן די פראבלעם. פארשטייט זיך אז אלע זייערע ווערטער זענען אינגאנצן נישט אינטערעסאנט געווען.

איך בין געשטאנען אין זייט, אין מיין הארץ האב איך אנגעגרייט א 'דרשה' אויב איך וועל דארפן ערקלערן פאר די אנוועזנדע פארוואס די ברית קען היינט נישט פארקומען. אבער דער אבי הבן איז צו מיר צוגעקומען און געזאגט מיט א שטרענגן טאן: 'שוין עטליכע שעות וואס די אויג פון קינד איז אינגאנצן ריין און עס איז נישטא קיין געדענקעניש פון א אינפעקציע, מ'קען צוגיין צום ברית!'

איך בין נישט איבערגענומען געווארן פון זיינע ווערטער און איך האב אים שיין ערקלערט אז נעכטן האט דאס קינד געהאט א אינפעקציע אין די אויג, דעריבער קען מען היינט אויך נישט טון די ברית, און מ'דארףווארטן עטליכע טעג ביז ער וועט אינגאנצן אויסגעהיילט ווערן.

דער פאטער וואס האט זיך געהאלטן פאר א 'מבין' האט זיך געהאלטן ביי זיינ'ס און האט גע'טענה'עט אז עס האט איינגאנצן נישט קיין טעם אפשטופן די ברית, און האט אויך צוגעלייגט א אפענע סטראשונקע אז נישט אויף דעם האבן זיי מיך איינגעלאדנט צו זיי אויף שבת...

פלוצלינג האט אויפגעבליצט א געדאנק פאר איינעם פון די פאמיליע און האט זיך אנגערופן הויעך: 'אויב דער מוהל וויל נישט מאכן דעם ברית, נישט קיין פראבלעם! איך קען ברענגען א אנדערן מוהל פון די דערנעבענדיגן ישוב, איך ווייס פון א מוהל וואס וואוינט דארט, און ער וועט נישט מאכן פראבלעמען'...

די פארזאמלטע האבן צוגעשאקלט די קעפ אלס א צושטימונג מיטן רעדנער, און איך וואס איך בין געשטאנען ווי א איינציגע לעמעלע צווישן וועלף האב איך זיך אנגערופן: 'איך קען ענק נישט אפהאלטן פון טון וואס ענק טראכטן צו טון, אבער ענק זאלן וויסן אז איך וועל מוזן מעלדן פארן מוהל די אינפעקציע וואס איך האב נעכטן געזען אין זיין אויג'.

פארשטייענדיג אז איך וועל זיי שטערן אויספירן זייער פלאן, האבן די אנוועזנדע באשלאסן אראפשלונגען דעם אורטייל און זיך זעצן צו די סעודה, זאלן זיי כאטש עסן און פארברענגען צוזאמען.

*

איך האב נישט מיטגעגעסן מיט זיי, ווי פארשטענדליך, אבער איך האב באשלאסן צו ווארטן אין זייט זען צי די פאמיליע וועט אויספירן זייער סטראשונקע. איך האב געהאט גאר שווערע געפילן: 'אזוי פירן זיך נישט יהודים בני מאמינים', האב איך געטראכט צו מיר פארביטערט.

און דעמאלטס האט פאסירט א שרעקליכע זאך. איינער פון די געסט, פון די קרובים פון די מוטער'ס זייט, האט זיך אויפגעשטעלט רעדן. ער האט גערעדט אויף א פרעמדע שפראך, און באלד נאכדעם האט ער אויסגעבראכן מיט א שרייענדיגע ליד וואס האט מיטגעשלעפט די גאנצע פאמיליע.

איך האב געהערט דאס זינגען און איך בין אויפגעציטערט געווארן. דער מעלאדיע איז מיר שרעקליך באקאנט געווען. איך האב פרובירט זיך דערמאנען פון וואו איז דער געזאנג מיר באקאנט, און איך האב זיך דערמאנט: אין מיין יוגנט האב איך געוואוינט א שטיקל תקופה אין איינע פון די פרעמדע לענדער. מיין הויז איז געווען הארט נאנט נעבן א קלויסטער און נישט איינמאל איז מיר איינגעפאלן צו הערן די מעלאדיע'ס פון די טומאה.

יעצט האב איך אינגאנצן נישט געהאט א ספק; איך בין צוגעגאנגען צו איינעם פון די איינגעלאדנטע וואס איז געשטאנען אינדרויסן פון זאל און האט מיר אויסגעזען ווי א ארנטליכער מענטש, און אים געפרעגט: 'זאג מיר, דו ווייסט עפעס איינצלהייטן אויף די אפשטאם פון די מאמע פון דאס קינד'?

'יא', האט מיר יענער געענטפערט בתמימות, 'איר אפשטאם איז פון חוץ לארץ. זי איז געבוירן געווארן א גוי'טע, אבער זי האט זיך מגייר געווען פאר איר חתונה'.

'ווער האט איר מגייר געווען?', האב איך פארגעזעצט צו פרעגן.

'אויב איך האב נישט קיין טעות האט זי זיך מגייר געווען אין א רעפארמער בית דין אזוי ווי עס דארף צו זיין', האט יענער מיר געענטפערט. עס האט זיך אנגעזען אז ער פארשטייט נישט די פראבלעם וואס ליגט אין די ווערטער וואס ער האט יעצט געזאגט מיט זיין מויל.

הערנדיג דאס, בין איך אנטלאפן פון דארט מיט גרויס שרעק. איך בין געווען שאקירט ביז די טיפענישן פון מיין זעל פון די מחשבה אז איך בין שיער נכשל געווארן מיט מאכן שבת א ברית פאר א גוי'איש קינד און אויך צו זאגן א ברכה לבטלה.

מוצאי שבת, בעפאר איך האב פארלאזט די ישוב, האב איך פרובירט רעדן מיטן פאטער און אים ערקלערן די הארבקייט פון די ענין. איך האב אים געזאגט אז ביז ווען די מאמע וועט זיך נישט מגייר זיין ריכטיג לויט די הלכה, זענען זיינע קינדער נישט קיין אידן, אבער ער האט מיר פארשיקט אויפגערעגטערהייט.

איך האב זיך געזעגנט פון אים מיט גרויס ווייטאג. איך האב זיך איבערגעצייגט צו זען ווי ווייט חשוב איז די הנהגה וואס איך האב זיך מקבל געווען - יעדעס מאל זאל איך דאווענען פון פריער. און אזוי האט דער אייבערשטער צוגעגרייט א אויסנאם אינפעקציע, אזאנס וואס איז אין א קורצע צייט פלוצלינג פארשווינדן געווארן, אלעס כדי איך זאל נישט נכשל ווערן חלילה מיט חילול שבת און מיט א ברכה לבטלה".

'מוסף שב"ק' לך-לך תשס"ח

עיצובים shay